**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארשריט אויף צוויי דזשענעסי קאונטי האוזינג דעוועלאפמענטס וועלכע וועלן ברענגען 110 נייע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן**

***נארוואס געעפנטע Liberty Square האט 55 נייע ביליגע און ענערגיע-שפארזאמע היימער מיט 28 אוועקגעלייגט פאר וועטעראנען מיט דיסעביליטיס***

***רעכנט אריין צוגענגליכע יוניטס פאר מענטשן מיט באוועגונג, הערן אדער זעהן שוועריגקייטן***

***קאנסטרוקציע אונטערוועגנס אויף Ellicott Station אין בעטעיוויע'ס שטאט צענטער מיט 55 היימער און ביזנעס פלאץ אינוועסטירונג***

***פראיעקטן באגלייטן די 'פינגער לעיקס פאראויס' – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און וואקסן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די חנוכת הבית פון איין ביליגע האוזינג דעוועלאפמענט, און די קאנסטרוקציע אויף נאך איין, וואס וועלן צוזאמען ברענגען א סך הכל פון 110 נייע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אין בעטעיוויע סיטי אין דזשענעסי קאונטי. די לעצטנס פארענדיגטע Liberty Square האט 55 אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 28 מיט שטיצנדע סערוויסעס געווידמעט פאר דיסעיבעלד וועטעראנען וועלכע מוטשענען זיך מיט היימלאזיגקייט. נישט ווייט פון דארט, ביי Ellicott Station, איז קאנסטרוקציע אונטערוועגנס אויף א 24 מיליאן דאלארדיגע ענערגיע-שפארזאמע דעוועלאפמענט מיט נאך 55 ביליגע אפארטמענטס און פלאץ פאר ביזנעסער אויף די אונטערשטע שטאק.

"זינט איך האב פארטרעטן די פינגער לעיקס און מערב ניו יארק אין קאנגרעס, האב איך געקעמפט צו פארזיכערן צוטריט צו ביליגע היימער פון א גוטע קוואליטעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס קומט זיך פאר יעדן ניו יארקער א זיכערע פלאץ צו רופן היים און א דאך איבער זייער קאפ, און די היינטיגע אנאנס וועט פארבעסערן די קוואליטעט פונעם לעבן פאר צענדליגע פאמיליעס אין Liberty Square און Ellicott Station. אין די צייט וואס מיר בויען זיך צוריק אויף פון די קאוויד קריזיס, וועלן מיר פארזעצן צו אונטערנעמען אנטשלאסענע שריט זיך צו אפגעבן מיט די האוזינג קריזיס און מאכן די עמפייער סטעיט א מער צוגענגליכע פלאץ פאר יעדן."

Liberty Square און Ellicott Station זענען טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלענער צו מאכן האוזינג מער צוגענגליך, יושר'דיג און סטאביל. די גאווערנער האט אריינגעלייגט און ערפאלגרייך פארזיכערט אין די לעצטנס דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט א נייע 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע, ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט פארמערן די האוזינג סופליי דורכן בויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

**נארוואס געעפנטע Liberty Square ברענגט מיט זיך 55 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן**
Liberty Square, וואס געפונט זיך ביי East Main Street554 אין בעטעיוויע סיטי, איז א ניי געבויטע פיר שטאקיגע געביידע מיט 55 אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן, אריינרעכנענדיג זעקס צוגענגליכע יוניטס פאר מענטשן מיט באוועגונג שוועריגקייטן און דריי צוגענגליכע יוניטס פאר מענטשן מיט הערן אדער זעהן שוועריגקייטן.

די דעוועלאפמענט רעכנט אריין 28 אפארטמענטס מיט שטיצנדע סערוויסעס צוגעפאסט פאר דיסעיבעלד וועטעראנען וועלכע מוטשענען זיך מיט היימלאזיגקייט. אנגייענדע אפעראציע פינאנצירונג פאר די סערוויסעס ווערט צוגעשטעלט אונטער די עמפייער סטיעט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו ( Empire State Supportive Housing Initiative) און צוגעטיילט דורך די NYS אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA). Eagle Star Housing איז די סערוויס פראוויידער.

אלע אפארטמענטס וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזונדער וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער וויניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט. געביידע איינריכטונגען רעכענען אריין א דזשים און קאמיוניטי צימער. די פראפערטי געפונט זיך נעבן גראסערי געשעפטן, רעסטוראנטן און ריטעיל געשעפטן.

Liberty Square איז סערטיפייד אונטער סיי די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) נידעריגע הייזער נייע קאנסטרוקציע פראגראם ( Low-Rise New Construction Program) און סיי אונטער די Enterprise Green Communities Version 2015 פראגראם. ענערגיע שפארזאמע דעזיין פאדערונגען ווערן נאכגעפאלגט דורכאויס די דעוועלאפמענט, אריינרעכענענדיג דאס נוצן מעבל און איינריכטונגען וועלכע קומען נאך Energy Star סטאנדארטן.

סטעיט פינאנצירונג פאר Liberty Square רעכנט אריין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וואס האבן אויפגעטריבן 10.5 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 3.9 מיליאן דאלאר פון די שטיצנדע האוזינג געלעגנהייט פראגראם (Supportive Housing Opportunity Program) פון די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינויעל (Homes and Community Renewal, HCR). די NYSERDA האט געגעבן $53,000 אין שטיצע. די דעוועלאפער איז .Home Leasing, LLC.

**Ellicott Station וועט ברענגען נייע ביליגע היימער געלעגנהייטן, פארבעסערן שטאט צענטער אויפלעבונג באמיאונגען**
קאנסטרוקציע איז יעצט אונטערוועגנס אויף Ellicott Station, א נייע פינף שטאקיגע געביידע מיט 55 ביליגע אפארטמענטס געבויט אויף אן אויסגעריייניגטע פארלאזטע שטח. אלץ טייל פון די סטעיט'ס שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו וועט Ellicott Station טראנספארמירן די לאנג-פארלאזטע Santy Tires געביידע צו ווערן א לעבעדיגע וואוינונגען און ביזנעס צענטער אין בעטעיוויע'ס שטאט צענטער. די דעוועלאפמענט וועט פארבעסערן די אטמאספערע אין די דערנעבנדע געגנט דורכן בויען פיר נייע ביזנעס שטחים, אריינרעכענענדיג א ברייערי/רעסטוראנט, מיט די פאטענציאל צו ברענגען ביז אזויפיל ווי 60 נייע דזשאבס.

די 74,000-סקווער-פיסיגע געביידע וועט קומען מיט וואש מאשינען אין די יוניטס, פריוואטע באלקאניעס און אינעווייניגע פארקינג. דרויסנדיגע איינריכטונגען רעכענען אריין א פלעי גראונד און א פובליק פיסגייער טרעיל וואס פארבינדט זיך מיט פארקס און פארשידענע אנדערע פארוויילונג ערטער אין די סיטי. די געביידע שטייט באקוועמערהייט נעבן גראסערי געשעפטן און רעסטוראנטן.

Ellicott Station וועט זוכן צו באקומען NYSERDA'ס נייע קאנסטרוקציע-האוזינג פראגראם און Enterprise Green Communities סערטיפיקאציעס. די דעוועלאפמענט רעכנט אריין דאס באפעסטיגן די געבוי פון אן עקזיסטירנדע אונטערערדישע שטורעם אפלויף סיסטעם וואס שניידט דורך די שטח, לאקאל באקאנט אלץ די "גרענד קאנאל", וואס וועט פינאנצירט ווערן דורך שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גרענט קאסעס.

HCR פינאנצירונג פאר Ellicott Station רעכנט אריין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 10 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 5.6 מיליאן דאלאר פון די נידעריגע איינקונפט האוזינג טראַסט קאסע (Low-Income Housing Trust Fund). אנדערע סטעיט פינאנצירונג רעכנט אריין בארעכטיגונג פאר NYS פארלאזטע שטחים (Brownfield) טעקס קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 4 מיליאן דאלאר אין עקוויטי, $500,000 אין עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) 'ברענג צוריק ניו יארק' (Restore New York) פינאנצירונג, $425,000 געשאנקען דורך די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, $53,000 פון NYSERDA און א ESD $1,900,000 פינגער לעיקס ראיאנישע קאונסיל קאפיטאל קאסע (Finger Lakes Regional Council Capital Fund) גרענט. נאך פינאנצירונג רעכנט אריין א $101,445 נאציאנאלע ברענשטאף שטחים דעוועלאפמענט (National Fuel Area Development) גרענט און דריי נאציאנאלע גריד (National Grid) גרענטס פאר א סך הכל פון $650,000. Five Star Bank האט צוגעשטעלט קאנסטרוקציע פינאנצירונג.

די דעוועלאפער פון Ellicott Station איז Savarino Companies, LLC, און Oxford Consulting Inc. איז די האוזינג קאנסאלטענט.

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "ווען מיר פינאנצירן און דעוועלאפען ביליגע האוזינג, זוכן מיר אייביג צו פארשטערקערן די ארומיגע געגנט און גיבן א שטופ פאר די לאקאלע עקאנאמיע. די צוויי נייע דעוועלאפמענטס וועלן נישט נאר פארבעסערן די קוואליטעט פונעם לעבן פאר 110 הויזגעזינדער, אריינרעכנענדיג וועטעראנען, נאר זיי וועלן אויך אריינבלאזן א חיות אין בעטעיוויע'ס שטאט צענטער מיט נייע ביזנעס אקטיוויטעט און דאס ערזאץ פון א לאנג-פארלאזטע געביידע. Liberty Square און Ellicott Station וועלן צוזאמען האבן א טראנספארמאטיווע ווירקונג אויף די סיטי אזוי ווי מיר שטופן פינגער לעיקס אויף פאראויס. מיר דאנקען אונזערע פילע פריוואטע און סטעיט שותפים פאר זייער ראלע אינעם מאכן די צוויי דעוועלאפמענטס א רעאליטעט."

**סעקרעטערי אוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "Ellicott Station וועט זיין א לעבעדיגע וואוינונג צענטער וואס ברענגט דזשאבס, האוזינג און עקאנאמישע אנטוויקלונג פאר בעטעיוויע'ס וואקסנדע שטאט צענטער. דער פראיעקט איז א שיינענדעביישפיל פון גאווערנער האקול'ס אנטשלאסענע בליק פאר לעבעדיגע, קלימאט-פריינטליכע און יושר'דיגע קאמיוניטיס פאר מענטשן פון יעדע עלטער, איינקונפט שטאפל און הונטערגרונט. דאס איז בלויז נאך אן עררייכונג פאר די גאווערנער'ס שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער דעניעל וו. טיעץ האט געזאגט,** "Liberty Square וועט זיכער מאכן אז די וועלכע האבן שטאלצערהייט און זעלבסטלאז געדינט אונזער לאנד, אריינרעכנענדיג וועטעראנען מיט דיסעביליטיס, האבן א זיכערע און שטיצנדע היים אין בעטעיוויע. שטיצנדע האוזינג איז פונדאמענטאל צו אונזערע באמיאונגען צו אדרעסירן היימלאזיגקייט, צושטעלנדיג זיכערע האוזינג צוזאמען מיט וויכטיגע סערוויסעס צו אדרעסירן די שוועריגקייטן וועלכע האבן מעגליך בייגעשטייערט צו דעם אז די וועטעראנען האבן פארלוירן זייער האוזינג."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט עקטינג קאמישאנער, פרעזידענט און CEO-דעזיגנירטע, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "די טראנספארמאציע וואס איז אונטערוועגנס אין בעטעיוויע טאון – א דאנק די שטאט צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו – איז באמת מערקווירדיג, און עס שטרייכט נאכאמאל אונטער די סטעיט'ס סטראטעגישע ווייטע בליק פאר עקאנאמישע וואוקס. דער נייער Ellicott Station פראיעקט וועט ווייטער באנייען די סיטי צענטער, דורכן ערזעצן א לאנג-פארלאזטע געביידע מיט א שטח צו ווערן גענוצט פאר ביזנעס און וואוינונגען וואס רעכנט אריין ביליגע האוזינג און וועט שטיצן די לאנג טערמיניגע וואוילזיין פאר פילע צוקונפטיגע דורות פון בעטעיוויע איינוואוינער."

**פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "מיט די חנוכת הבית פון Liberty Square און קאנסטרוקציע זיך פאראויס רוקנדיג אויף די Ellicott Station דעוועלאפּמענט, וועלן טייל פון דזשענעסי קאונטי'ס שוואכסטע איינוואוינער האבן ברייטערע צוטריט צו ביליגע האוזינג וואס איז ענווייראמענט-פריינטליך און ענערגיע שפארזאם. אזעלכע פראיעקטן דעמאנסטרירן גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס פון געביידעס און פאראויס רוקן די ציהל צו אנקומען צו 2 מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער מיט א דגש אויפן זיכער מאכן צוגענגליכקייט פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער בעיזיל סעגאָוס האט געזאגט,** "די DEC גראטולירט בעטעיוויע סיטי פאר די קאנסטרוקציע פון די נייע ביליגע היימער אויף די געוועזענע Ellicott Station, און מיר זענען שטאלץ צו האבן געהאלפן שפילן א ראלע אין דאס איבערמאכן און טראנספארמירן די שטח. אונטער די DEC'ס ערפאלגרייכע פארלאזטע שטחים אויפרייניגונג פראגראם (Brownfields Cleanup Program) ווערן פארפעסטיגטע שטחים אויפגערייניגט, איבערגעמאכט און טראנספארמירט צו נוצבארע פראפּערטיס וועלכע בענעפיטירן לאקאלע עקאנאמיעס און פארבעסערן קוואליטעט פונעם לעבן פאר איינוואוינער. ניו יארק בלייבט איבערגעגעבן צו בויען אויף די סוקסעס יעצט אז גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארברייטערן צו פארברייטערן און פארבעסערן די פארלאזטע שטחים פראגראם איז אריינגעלייגט געווארן אין די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט כדי נאך מער קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן."

**סטעיט סענאטאר עדווארד א. רעט, דער דריטער, האט געזאגט,** "צושטעלן הויכע-קוואליטעט האוזינג אפציעס פאר יעדן, אין אונזער קאמיוניטי, איז קריטיש. איך בין פרייליך צו זעהן די דעוועלאפּמענטס פארקומענדיג אין בעטעיוויע. האוזינג געלעגנהייטן ווי די וועלן ערלויבן אונזערע קאמיוניטיס צו פארזעצן צו וואקסן און בליהען."

**אסעמבלימאן סטעפען האָולי האט געזאגט,** "אזוי ווי Liberty Square גרייט זיך צו אנהויבן אויפנעמען איינוואוינער – פילע פון זיי וועטעראנען – האף איך אז זיי געפונען פרייד אין זייערע נייע היימער און געניסן פון אלעס וואס די אפארטמענט קאמפלעקס האט צו אפפערן. איך קוק ארויס צו זעהן ווען דער Ellicott Station פראיעקט וועט שוין אויך קענען אויפנעמען איינוואוינער, און איך האף אז עס וועט קענען מאכן פארשריט געשליפענערהייט אז עס זאל קענען פארענדיגט ווערן צייטליך."

**טשעיר פון די דזשענעסי קאונטי לעגיסלאטור שעלי סטיין האט געזאגט,** "דזשענעסי קאונטי איז באגייסטערט צו אויפנעמען ביליגע האוזינג אין אונזער שטאט צענטער געגנט. פאמיליעס וועלכע וואונטשן זיך זיך אריבערצוציהען צו בעטעיוויע צו געניסן פון אונזערע הויכע-קוואליטעט באשעפטיגונג פאזיציעס וועלן טרעפן געוואלדיגע ווערט אין די נייע היימער. בעטעיוויע סיטי האט פארשידענע באשעפטיגונג געלעגנהייטן צו וועלכע מען קען גיין צופיס. מיר באגריסן די צייטליכע געלעגנהייט פאר ארבעטנדע פאמיליעס און איינצלנע מענטשן צוגלייך."

**דזשענעסי קאונטי מענעדזשער ל. מעטיו לענדערס האט געזאגט,** "דזשענעסי קאונטי זעהט איין די וויכטיגקייט פון אינוועסטירן אין בעטעיוויע סיטי, באזונדערס מיט וואס איז נוגע דאס פארבעסערן האוזינג געלעגנהייטן מיט הויכע קוואליטעט וואוינונגען פאר צוגענגליכע פרייזן וואס ביידע פון די פראיעקטן וועלן עררייכן. ניו יארק סטעיט איז געווען א גוטע שותף אין אונזער צוזאמענארבעטנדע און אנגייענדע באמיאונגען מיט די סיטי צו ווידער אויפלעבן און אויפפרישן די שטאטישע צענטער פון דזשענעסי קאונטי."

**בעטעיוויע סיטי קאונסיל פרעזידענט יודזשין דזשענקאווסקי, דזשוּניאר, האט געזאגט,** "זיכערע און סטאבילע האוזינג איז וויכטיג פאר אלע מיטגלידער פון די קאמיוניטי. איך בין פריילעך צו זעהן ווי דער Liberty Square ווערט פארענדיגט און ווי דער Ellicott Station פראיעקט מאכט פארשריט. אלץ א שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) קאמיוניטי, האט די סיטי בייגעוואוינט א דורכברוך אין וואוקס און אנטוויקלונג. איך גלויב אז די שוואונג הויבט זיך נאר יעצט אן."

**בעטעיוויע סיטי מענעדזשער רעיטשעל דזש. טאבעלסקי האט געזאגט,** "סיי Home Leasing און סיי Savarino Companies, מיט די הילף פון ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל, האבן געמאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען אין בעטעיוויע סיטי. די פראיעקטן וואקסן די סיטי'ס האוזינג אוצר מיט 110 נייע יוניטס, נעמען ארויס דאס מערסטע פון פארלאזטע פראפערטיס און ברענגען האוזינג געלעגנהייטן פאר אונזער ארבעטסקראפט, עלטערע מענטשן, וועטעראנען, פאמיליעס און יונגערע מענטשן צוגלייך."

**CEO פון Home Leasing ברעט גאַרוואָד האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו בויען Liberty Square אין בעטעיוויע. די נייע האוזינג קאמיוניטי, ארייננרעכענענדיג שטיצנדע האוזינג פאר וועטעראנען, העלפט אונז פאראויס רוקן אונזער מיסיע צו פארבעסערן די לעבנס פון אונזערע איינוואוינער און די קאמיוניטיס אין וועלכע מיר ארבעטן א דאנק די שטיצע פון אונזער שותף — בעטעיוויע סיטי און ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל."

**Eagle Star Housing האט געזאגט,** "Eagle Star Housing איז גאר באגייסטערט צו זיין א שותף אין די גענצליך נייע Liberty Square אפארטמענטס אין בעטעיוויע, NY צו צושטעלן הויכע-קוואליטעט אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן פאר אונזערע היימלאזע וועטעראנען. מיר ווילן באדאנקען גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט פאר די וויכטיגע פינאנצירונג צו צושטעלן דעם פראגראם פאר אונזערע וועטעראנען. מיט געוואלדיגע קאאפעראציע פון ניו יארק סטעיט, בעטעיוויע סיטי און אלע אונזערע קאמיוניטי שותפים, קוקן מיר ארויס צו העלפן וועטעראנען פאר פילע יארן. די סארטן פראגראמען זענען געווי דאס וואס אונזערע וועטעראנען דארפן, און מיר זענען דאנקבאר פאר די געלעגנהייט דאס צו צושטעלן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן